STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04831

FOLKS-SHUHLE

Moishe Teitsh

*Permanent preservation of this book was made possible
by Lawrence & Roslyn Latto
in memory of
Freda Perluck*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. טייטש. מ. בירנבוים.

פאָלקס-שוהלע

אַ לעהרבוך

פֿאַר אַנפֿאַנגער צו לעזען און שרייבען יודיש.

פאַר שוהלען און הויז-לעהרע.

ערשטעס העפט.

וואַרשא. תרס"ט.

ФОЛКСШУЛЕ т. е. Народная школа.

соч. М. ТАЙТЧА и М. БИРНБАУМА.

ВАРШАВА 1913 г.

Типографія Левинъ-Эпштейнъ, Павлиная 38.

 

ז אַ

אַז. אַזאַ.

אַז, אַזאַ



ל ל אָ אָ

אָל. לאָז. זאָל. זאַל

אַזאַ אָל, אַזאַ זאַל.





אי אי ר ר

איז, די, ריז, ראָזע, לאַזאַר

לאַזאַר איז אַ ריז. די איז אַ ראָזע.





או או נ נ ן ן

און, אונז, נול, זון, אוראַל, יוני, יולי, נאָז

נאָר, נאַר, ראָזאַל, אין, זין.

יוני און יולי. די איז אין זאַל.





ע ע   מ מ   ם ם

ער. עמער. מאַמע. זומער. לערער. יע. ראַם.

ראַמען, מאַן, מענער, מוז, אַלים,
אַם. אַמען; אונזער, אונזערע, זענען,
רער, רערען, מירעלע, מירעל.
לאָז מיר אין זאַל. לאַזאַר איז
אַ לערער. ראָזע איז אַ לערערין. מיר
מוזען לערנען. אין יוני און יולי איז
זומער. אונזער מאַמע איז אָרעם.
אונזערע עמער רינען. מאַלער מאָלען
אונזער זאַל.





אײ ע ע

ס ס ה ה

אײ, אײער, אײל, גײ. עגל. עגלען. סאַמאַװאר.

נוס. ניס. נאָס.

מעסער, עסען, היים, הוהן, היהנער,

האָהן, העהנער, האָז, האָזען,

אומרוה, נײן.

זומער איז הײס. אין זאַל איז רײן.
זײ לעזען. סאָניע און מירעל עסען
נים. אונזערע זאַלען זענען העל.



ײ אײַ, אײַ



ג ג

פּ פּ

אײַז. אײַזען. גײַל. גײַלען. מײַל. מײַלען. פּאַם.
פּאַמען. פּענע. פּאַר.

פֿאָרען, גראָז, גאַס, גלאָז, גאַנז,
גענז, זאַנג, זאַנגען, גאַז, גאַרען,
ראָג, געהן, יונגעל.

גראָז איז גרין. היהנער לעגען
אייער. יעגער יאָגען אַהאָז. האָניג
איז זיס. גלעזער גלאָזען אָן ראַמען.
אונזערע זאַנגען זענען געוואָרען
געל. מיר האָבען פאַפּירענע און
גאָלדענע געלד.





ד

יי, אוי





ט ט ק ק

אויער, אויג, מויער, מויערן, רויז,
דער, די, דאָס, דיק, דינער, דין,
דינער, זידען, זידענדער, פּוד, פּודען,
ראָד, רעדער, דאָרען, דערנער,
טריי, טרייער, טייער, דינסט, טיי,
טאָרט, מוטער, רויט, רויטער,
רייטען, רייטער, רעטען, רעטער,
קייט, קייטען, קרעמער, קעלער,
קינד, קינדער, קלייד, קליידער,
קויל, קוילען, מעדעל, מעטאַל, ערד.

דער האַמער קלאַפּט. דאָס מעדעל רייסט רויזען אין גאָרטען. עס קלינגען אייזערנע קייטען. גאלד, קופּער און אייזען זענען מעטאַלען. די קינדער זינגען לידער. דו האָסט געהערט ביי נאַכט דעם דונער? — ניין, די זון האָט אויסגעטריקענט די זאַנגען. עס הענגען ריינע טראָפּענס טוי.





בּ ב

בוים—בוימער
באנד—בענדער
ביהן—ביהנען
טייב—טויבען

וו װ

וואַסער—וואַסערען
וועלאָסיפּעד—וועלאָסיפּעדען
ווין—וויינען
ווינד—ווינדען.





פּ · ף

פוקס — פוקסען
פינגער.
עפּענען.

שיף — שיפען
שטראָף — שטראָפען
טרעפען.

אַפּעלסינען וואַקסען אין הייסע געגענדען. די וועווערקע קנאַקט ניס. די בלעטער גרינען אין זומער און וועלקען אין הערבסט. דער גערטנער בעגיסט די בלומען. די לינדענבוימער בליהען. דער ווינד יאָגט וואָלקען. דאָס יונגעל קלעטערט אויף דעם בוים. די סאָווע איז אַרויב־פויגעל. דער לייב ברילט. אויף דעם ברעג פון טייך וואַקסען ווערבעס. דער שנעע איז וויס. ווינטער איז קאַלט. דער אַייזגאַנג האָט זיך אָנגעהויבען. די סאָסנע איז אַ נאַדעלבוים. דער קאַנאַריק טרילערט.



כ ד ש



צ ץ

כאָמעט. פֿעכער. רייך. רייכער. דאַך.
דעכער. רויך. לייכט. לייכטער. וואָך.
וואָכען. שיף. שיפען. שער. שליסעל.
שלעסעל. פלאַש. פלעשער. שיסעל.
שפיגעל. צוואַנג. צוואַנגען. צימבעל.

צימבלער, צירקעל, ציג, ציגען, צילינדער. שוואַרץ, האַרץ.

קינדער לויפֿען אויף דעם גליטש. יונגלעך שליטלען זיך פֿון בערגעל. דער וואַלד רוישט. דער טייך שפּיעלט. די זון שיינט. עס שטעהען לויטערע טעג. די נאַכטיגאַל זינגט. די שוואַלב קלעבט אַ נעסט. דער אָדלער פֿליהט הויך. דער שפּערלינג קלייבט קערנער אויף דעם וועג. דאָס וואַסער פֿליסט דער טאָפּאָל איז שלאַנק. דער דעמב איז שטאַרק. דער פֿישער פֿאַנגט פֿיש. דער מאַגנעט ציהט צו אייזען און שטאָהל. פֿיש לעבען אין וואַסער. דער האָלצהעקער האַקט אַ בוים. די ביהנען זאַמלען האָניג. אויף דעם טייכעל שווימען קאַטשקעס. אין גאָרטען וואַקסען פֿלוימען, עפּעל, קאַרשען און באַרען. דער זייגער שלאָגט צוועלף. די שטערען פֿינקלען. דער פּאַסטוך שפּיעלט אויף אַ פֿויאַרקע. די שעפּסען פּאַשען זיך אויף דער לאָנקע. די פּאַווע האָט שענע פֿעדערען. דער שמיעד אַרבייט אויף דער קאָוואַדלע. דער נעגער איז שוואַרץ. דער הירש האָט שענע הערנער. די ערד איז קיילעכדיג. די ערד דרעהט זיך אַרום דער זון.

עס איז — ס'איז	מיט דעם — מיטן
ער איז — ר'איז	צו דעם — צום
די אויגען — ד'אויגען	אויף דעם — אויפ'ן
איך געה — כ'געה	דאס בוך — ס'בוך

דער צײכען (') װערט בענוצט דאן, װען צװײ בעזונדערע װערטער גיסען זיך צונויף צוזאמען.

בלומען װאס װאַקסען אין פעלד — פעלד־בלומען.
װאַסער פון טײך — טײך־װאַסער.
אַ שטוהל צום װעבען — װעב־שטוהל.
אַ מיהל, װאס אַרבײט דורכ'ן װינד — װינד־מיהל.

דער צײכען (=) װערט בענוצט דאן, װען צװײ װערטער דריקען צוזאמען אײן בעגריף.

ס'שיפעל שװימט אויפ'ן װאַסער. די זון שטעהט הויך אויפ'ן הימעל. ס'שפריצט אַ װאַסער־פאָנטאַן. ס'מעדעל שפילט אויפ'ן קלאַװיר. די טויבען װאָרקען אין טויבען־שלאַג. די קינדער רײסען פעלד־בלומען. די נאַכטיגאַל איז אַ זינג־פויגעל. דער שפּאַרבער — אַ רויב־פויגעל. דער פעלד־אַרבײטער געהט נאָך דער סאָכע. עס גיסט אַ שטילער זומער־רעגען. דער װינטער־װעג איז גלאַט און װײס

פונקטאַציעס.

ביים שרייבען בענוצט מען זיך מיט עטליכע אבשטעלונגס-צייכען, וועלכע רופען זיך — פונקטאַציעס. די וויכטיגסטע פון זיי זענען:

1) **פונקט** (.) קומט נאָך יעדען פערענדיגטען זאַץ, צום ביישפּיעל:

עס איז פערגאַנגען אַ מאָנאַט. דער הערבסט האָט זיך אונטערגערוקט. די טעג זענען געוואָרען קלענער און די נעכט גרעסער. אין קליינעם שטיבעלע האָט מען ביי נאַכט שוין געדאַרפט אָנצינדען אַ לעמפּעל.

2) **קאָמאַ** (,) בעטייט אַ קורצע פּויזע, צום ביישפּיעל:

אַ שטאַרקער ווינד, אַ קאַלטער ווינד האָט געדרעהט, געבלאָזען דורך די פענסטער, דורך דער טיר, דורך די ווענד פון אַ קליין איינגעהויקערט שטיבעל, פון וועלכען עס הערט זיך אַ שטימע, אַ וויינענדיגע שטימע.

דער מאָרגען וואַשט דעם נייגעבוירענעם זוהן, דעם יונגען טאָג, וואָס שטייגט אַרויס פון די גרויסע כוואַליעס וואַסער, וואַשט איהם כוואַליע אויס, כוואַליע איין, אַז ער זאָל שיינען, בעלייכטען הימעל און ערד.

3) **שטריכפּונקט** (;) איז עטוואָס מיטעלעס צווישען פונקט און קאָמאַ און שרייבט זיך צווישען צוויי מעהר אָדער וועניגער לענגערע זאַצען, וועלכע ענטוויקלען איין און דעם זעלבען געדאַנק. צום ביישפּיעל:

אַ האַנד פליהט איבער דער פידעל אַרויף און אַראָב; עס הערען זיך פערשיעדענע שטימען און עס גיסען זיך אַלערליי געזאַנגען; עס נעהמט גלייך אָן ביים האַרצען און עס נעהמט אַרויס דאָס געזונד.

4) **דאָפּעלפּונקט** (:) קומט:

1) צווישען צוויי זאַצען, וועלכע ערקלערען איינעם דעם צווייטען. צום ביישפּיעל:

אַריבערפאָהרען אויפ'ן צווייטען זייט טייך איז געווען אונמעגליך: עס האָט זיך געריהרט דאָס אייז.

2) אַז מען גיט איבער אַ פרעמדען געשפּרעך (די פרעמדע ווערטער קומען אין קאַוויטשקעס „ "). צ. ב. ש.

דער שליטען זאָגט: „מיר איז ווינטער שווער".

3) אַז מען דאַרף אויסרעכענען עטליכע געגענשטאַנדען, צ. ב. ש.:

בּיסלעכווייז האָט זיך גענומען בעוויזען די שטאָדט: פּלאַנצען, טעמפּלען, גערטנער, דענקמאָלען א. ז. וו.

5) **פראַגע-צייכען** (?) קומט נאָך אַ זאַץ, אין וועלכען עס ווערט אויסגעדריקט אַ פראַגע, צ. ב. ש.:

וויפיעל איז דער זייגער? וואס קענסטו זיך ניט שטילען, ווילדער ווינד?

6) **אויסרופונגס-צייכען** (!) קומט נאָך אַ זאַץ, אין וועלכען עס ווערט אויסגעדריקט אַ'אויסגעשריי, צ. ב. ש.:

פּוהרמאַן! פּוהרמאַן! פאָהר זשע גיכער!

7) **דרייפונקט** (. . .) קומט ווען דער זאַץ ווערט פלוצלונג אָפּגעהאַקט. צ. ב. ש.:

איך האָב געוואָלט... נאָר זאָל שוין זיין. דער קראַנקער האָט אנגעהויבען: איך בין... נאַר פלוצלונג האָט איהם דער אָטהעם פערכאפט.

א	א	כ	כ	פ	פ
ב	ב	ך	ך	פֿ	פֿ
ג	ג	ל	ל	ת	ת
ד	ד	מ	מ	צ	צ
ה	ה	ם	ם	ץ	ץ
ו	ו	נ	נ	ק	ק
ז	ז	ן	ן	ר	ר
ט	ט	ס	ס	ש	ש
י	י	ע	ע	ש	ש

די איבעריגע בוכֿשטאַבען וועלכֿע ווערען בענוצט נאָר אין העברעאישע ווערטער, וועלען קומען אין צווייטען העפֿט.

II.

1. וועמען איז שווערער.

דער שליטען זאָגט: „מיר איז ווינטער שווער“.
דער וואָגען זאָגט: „מיר איז זומער שווער“.
און דער פערד זאָגט: „מיר איז שטענדיג שווער“.

2. דאָס גאָלד און די שטאָהל.

„אַלץ איז מיינס“, האָט ס׳גאָלד געזאָגט.
„אַלץ איז מיינס“, האָט די שטאָהל געזאָגט.
„איך קויף אַלץ אָב“, האָט ס׳גאָלד געזאָגט.
איך נעהם אַלץ אָב“, האָט די שטאָהל געזאָגט:

3. אַ פליג אַ בערידהמערקע.

אַנ׳אָקס, געשפּאַנט אין אַקעראַייזען, איז געגאַנגען פון פעלד אַהיים נאָך זיין טעגליכער אַרבייט. ביי איהם אויף די הערנער איז געזעסען אַ פליג. אויפ׳ן וועג בעגעגענט איהר אַ צווייטע פליג און פרעגט:

— פון וואַנען קומסטו, שוועסטער?

— פון וואַנען מיר קומען, פרעגסטו? ענטפערט די ערשטע פליג, פערייסענדיג די נאָז אין דער הויך: דו זעהסט דאָך, מיר האָבען געאַקערט!

4. דער קאַנאַריק.

עס טרילערט דער קאַנאַריק
פערשפּאַרט אין שטייג אַליין:
ווער קען זיין זינגען בּיהלען,
ווער קען זיין פרייד פערשטעהן?

עס טרילערט דער קאַנאַריק
אין פרייען וואַלד אַליין:
ווער קען זיין וועהטאג פיהלען,
ווער קען זיין שמערץ פערשטעהן.

בּאָרים ראָזענפעלד.

5. דער שמעטערלינג און דאס קינד.

— דערצעהל מיר, קליינער, שענער שמעטערלינג, ווי אַזוי די לעבסט, וואס די עסט, וואס די טרינקסט — איך זעה, די פליהסט אום אַ גאַנצען טאָג אין דער לופט. — האָט דאס קינד זיך אָבגערופען צום שמעטערלינג.

דער שמעטערלינג האָט געענטפערט:

— מיין דאָרשט שטיל איך, קינד, מיט'ן זאַפט פון די בלומען, מיין הונגער מיט די שטראַהלען פון דער זון.

— טאָ קום אַריין צו מיר אין צימער, איך וועל דיר געבען עטוואס עסען, און מיר וועלען זיך שפּילען צוזאַמען.

— ניין, קינד, לאָז מיך פריי, איך מוז פליהען ווייטער, באָדען זיך אין די שטראַהלען פון דער זון, ווייל מיין לעבען איז קורץ, עס דויערט נאָר איין טאָג, און ווי די זון הויבט נאָר אָן צו פערגעהן, פערגעה איך אויך מיט איהר צוזאַמען.

6. די צוויי ברידער.

אמאָל זענען געווען צוויי ברידער, איינער אַן אָרימער, דער צווייטער אַ רייכער. דער רייכער האָט געהאַט פיעל קיה מיט אָקסען, ציגען און שעפּסען. דער אָרימער האָט געהאַט נאָר איין קליין שעפּסעלע, וועלכעס ער האָט זעהר ליעב געהאַט, צוזאַמען מיט איהם האָט ער געגעסען און געטרונקען, און האָט איהם געהאַלטען, פונקט ווי אַ טאָכטער. מאַכט זיך אַ מאָל און עס קומט צום רייכען ברודער אַ גאַסט. אַ שאָד איז געוועזען דעם רייכען זיינע איינענע פיה, האָט ער צוגענומען ביים אָרימען דאס שעפּסעלע, האָט עס געקוילעט און געמאַכט אַ מאָלצייט פער'ן גאַסט.

7. די וועווערקע און דער וואָלף.

די וועווערקע איז געשפרונגען פון איין צווייגעל אויפ'ן צווייטען און איז אַרויפגעפאַלען אויף אַ שלאָפעדיגען וואָלף. דער וואָלף איז אויפגעשפרונגען און האָט זי געוואָלט אויפעסען. די וועווערקע האָט זיך גענומען בעטען: „לאָז מיך אָב". דער וואָלף האָט געזאָגט: „גוט, איך וועל דיך אָבלאָזען, זאָג מיר אָבער אַפריהער, פאַר וואָס זייט איהר, וועווערקעס, אַזעלכע פרעהליכע? מיר איז שטענדיג אומעטיג, און איהר שפרינגט דאָרט אום אין דער הויך און קעהרט וועלטען". די וועווערקע האָט געזאָגט: „לאָז מיך פריהער אַרויפקלעטערען אויף אַ בוים, פון דאָרטען וועל איך דיר זאָגען, דאָ שרעק איך מיך פאַר דיר".

דער וואָלף האָט איהר אָבגעלאָזען. די וועווערקע איז אַרויף אויף אַ בוים און האָט אַזוי געזאָגט:

„דיר איז אומעטיג, ווייל דו ביזט אַ שלעכטער, אָבער אונז איז פרעהליך, ווייל מיר זענען גוטע און טהוען קיינעם קיין בייז ניט".

8. פריהלינג.

דער פריהלינג דויערט דריי מאָנאַטען: מאַרט, אַפריל און מאַי. קומט אָן דער פריהלינג, הויבען די טעג אָן ווערען לענגער און די נאַכט קירצער. די זון וואַרימט וואָס פון טאָג אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. דער שניי צוגעהט, דער אייז אויף די טייכען ריהרט זיך אין וועג אַריין, און דאָס וואַסער גיסט זיך פאַנאַנדער אַריבער די ברעגען. די ערד ווערט בעדעקט מיט גרינע גראָז, אויף די בוימער און שטרויכען צולאָזען זיך בלעטער. די וואַנדערענדע פויגעל קעהרען זיך אום פון די וואַרימע לענדער און הויבען אָן צו קלעבען זייערע נעסטער. באַלד ווערען די לאָנקעס בעדעקט מיט פערשידענפאַרביגע בלומען. דער

פלומען און פיעלע אַנדערע בעדעקען זיך מיט ווייסע און ווייסראָזע בליטהען. די לופט אין פריהלינג איז פריש און דורכזיכטיג, איבערהויפט אויפ'ן פריה־מאָרגען. אַלץ פראַוועט פריהלינג, אַלץ בליהט און דופטעט.

9. פריהלינג.

עס פליסט דורך די פעלדער
דאָס וואַסער און רעדט:
— איך האָב ערשט פערטאָגען
אַ מיהל ביז אַ ברעט.

איך האָב ערשט פערטראָגען
אַ מענשען פון בריק,
ער לעבט נאָך אין וואַסער
און רייסט זיך צוריק;

ער שטרייט מיט די וועלען —
זיי זענען גאָר גרויס —
ער לאָזט שוין דעם אָטהעם
דעם לעצטען אַרויס;

ער וואַרפט זיך אין וואַסער,
און האלט שוין ביי'ם עק:
איך טראָג איהם אין וועלדעל
אַהינצו אַוועק...

א. ל. באראן.

10. דער וואָלף און די פאַסטוכער.

אַ וואָלף גערהענדיג נעבען הויף וואו פאַסטוכער זענען געווען,
האָט דורכ'ן פאַרקאַן דערזעהן,
ווי די פאַסטוכער האָבען זיך אַ באַראַן אויסגעקליבען
און האָבען זיך דאָס גאַנץ פיין געריבען,
און די הינט האָבען זיך ניט געשטעלט אַקעגען

אוּן זענען זיך גאַנץ רוהיג געלעגען.
אַך! זאָגט ער צו זיך, אַיועקגעהענדיג מיט צאָרן —
„וואָס פאַר אַ געשריי וואָלט דאָ געוואָרען
אוּן וואָס פאַר אַ געריוש אוּן אַ גוואַלד
ווען דאָס וואָלט טהון „רב וואָלף פון וואַלד!"

קרילאָוו.

איבערזעצט דורך רייבערזאָהן.

11. דער האָז אוּן די זשאַבעס.

אַ האָז האָט איינמאָל אָנגעהויבען צו בעטראַכטען זיין ביטערען לעבען אויף דער וועלט אוּן זאָגט אַזוי:

„וואָס טויג מיר אַזאַ לעבען! גאַנצע טעג דאַרף איך פערברענגען אין שרעק אוּן אין ציטערניש; איך דאַרף זיך שרעקען פאַר אַ מענשען, פאַר אַ הונד, פאַר אַן אָדלער. איך דאַרף שטענדיג געדענקען, אַז אַלע זענען שטאַרקער פאַר מיר, אוּן איך בין די שוואַכסטע בעשעפעניש אויף דער וועלט; איידער אַזאַ לעבען — בעסער דער טויט!"

אוּן מיט דיעזע ווערטער איז ער אַוועקגעלאָפען צום טייך אוּן האָט זיך געוואָלט דערטרינקען.

אַז ער איז געקומען צולויפען צום טייך, זענען אויפ'ן ברעג געזעסען עטליכע זשאַבעס. ווי זיי האָבען נאָר דערזעהען דעם האָז, האָבען זיי פון שרעק אַלע גלייך אָנגעהויבען שפּרינגען צוריק אין וואַסער. דער האָז האָט דאָס דערזעהען אוּן זאָגט:

„ווי עס ווייזט אויס, זענען דאָ אַזעלכע בעשעפענישען, וואָס זענען נאָך שוואַכער, ווי איך, אוּן שרעקען זיך פאַר מיר; בכן אויב אַזוי מעג איך נאָך אויך בלייבען לעבען אויף דער וועלט.

12. דער פריה־מאָרגען אין דאָרף.

(אַ בריעף).

ליבער ברודער!

דו פרעגסט, ווי אַזוי מיר לעבען אין דאָרף. איך וועל עס דיר מיט פער־נייגען בעשרייבען. יעדען פריהמאָרגען, נאָך איידער די זון געהט אויף, שפּרינגט דער האָהן אַרויף אויפ'ן פּלויט, נעבען סאַמע פענסטער אוּן צושרייט זיך: קוקורעקו! קוקורעקו.

דאַן שטעהט אויף די באָבע, נעהמט אַ קערנער אין פֿאַרטוך און געהט אַרוים אויפ'ן הויף. עס רינגלען איהר אַרום די היהנער מיט די העהנער און הויבען אָן צו קוואָקען, עס קומען די גענז און הייבען אָן צו שרייען, די טויבען פֿליהען אַראָב פֿון טויבענשלאַג און הויבען אָן צו וואָרקען. יעדער פֿויגעל גיט אָב דער באָבען אַ „גוטען מאָרגען" אויף זיין אייגענער שפּראַך. די באָבע צושיט די קערנער, און די פֿויגעל פּיקען.

דערווייל צושרייט זיך דאָס קעלבעל אין שטאַל און די ציג הויבט אָן צו רופֿען: זיי זענען אויך הונגעריג. דאָס מאָלסט געהט אַרוים די מוהמע און מעלקט אוים די רויטע קוה און לאָזט צו דאָס קעלבעל צו דער מאַמען.

דערנאָך לאָזט זי אַרוים די קוה אין פֿעלד און קעהרט זיך אום אין שטוב צו די קינדער, וועלכע האָבען זיך שוין אויפֿגעכאַפּט און נעהמען זיך שוין אָנטהון.

דיין שוועסטער רייזי

דעם 22=טען, יולי, 1907
דאָרף „גרינע וועגען".

13. זומער.

יוני, יולי און אויגוסט — זענען זומערדיגע מאָנאַטען. הויך הויבט זיך אויף די זון און בלייבט לאַנג אויפ'ן הימעל, דעריבער זענען די טעג זעהר לאַנגע און די נעכט זעהר קורצע. דאָס, וואָס דער פֿריהלינג הויבט אָן, פֿער= ענדיגט דער זומער. די בלעטער אויף די בוימער לאָזען זיך אין גאַנצען פֿאַנאַנדער. די לאָנקעס בעדעקען זיך מיט הויכע געדיכטע גראָזען. אַ גאַנצע מענגע אינזעקטען בעוועגט זיך און הודזשעט אין דער לופֿטען. די גערטנער זענען פֿול מיט בלומען, פּרוכטען און יאַגדעס. די קינדער לאָזען זיך קאָמפּאַניעס= ווייז אין וואַלד אַריין קלויבען יאַגדעס מיט שוועמלעך. די פֿישער פֿאַנגען פֿיש אויפ'ן טייך, דאָס יונגוואַרג באָדט זיך אין די קלאָרע וואַסערען. אין די גרויסע זומערדיגע היצען טרעפֿט זיך גאַנץ אָפֿט, אַז דער הימעל ווערט פֿערצויגען מיט שוואַרצע וואָלקענס, אַ ווינד הויבט זיך אויף, אַ רעגען גיסט, עס בליצט און עס דונערט. נאָך אַזאַ געוויטער ווערט פֿרישער די לופֿט; אין פֿעלד, אין וואַלד און אין גאָרטען ווערט אַלץ דופֿטענדער און גרינער.

14. זומער.

טילי=טילי—פּונקט ווי גלעקלעך,
ווי די זילבער=העלע גלעקלעך,

קלינגט אין פעלד פון פריה ביז נאַכט:
עמיץ פרעהט זיך, עמיץ לאַכט.

טילי=טילי—קלינגט אין וואַלד אויך,
און דער ווידערקלאַנג צוטראָגט זיך
איבער באַרג און איבער טאָל;
ס'פליהען פויגעל אָהן א צאָל.

און פערשווינדען טיעף אין הימעל...
טילי=טילי—שפיעלט אין האַרץ אויך,
ווי אַ פּיעדעל צויבער=דין;
ס'פליהט מיט האָניג דורך אַ ביהן.

טילי=טילי — פויגעל פליהען
און זיי ווינקען, און זיי רופען...
און מיר דאַכט זיך — טילילי:
כ'הויב זיך אויף באַלד אויך און פליה...

משה טייטש.

15. פריהמאָרגען=שטראַהלען.

עס איז אַרויסגעשוואומען אויפען הימעל די שענע זון און האָט גענומען פאַנאַנדערשיטען אויף אַלע זייטען איהרע גאָלדענע שטראַהלען — וועקען די ערד. דער ערשטער שטראַהל איז אַראָב געפלויגען צום זינג-פויגעל. איז אַרויסגעפלויגען דער פויגעל פון זיין נעסט, האָט זיך אויפגעהויבען אין דער הויך און האָט אָנגעהויבען זינגען זיין זילבערן ליעדעל: „אַך, ווי גוט עס איז אין דער פרישער פריהמאָרגען=לופט". דער צווייטער שטראַהל האָט אַריינגעדרונגען אין היהנער=שטייג. דער האָהן האָט אַ פּאַטש געטהון מיט די פליגעל און האָט אויסגעשריען: קו=קו=רע=קו! די היהנער זענען זיך צונויפגעלאָפען פון אַלע זייטען, האָבען גענומען קוואָקען און האָבען גענומען זוכען קערנער אינ'ם מיסט. דער דריטער שטראַהל איז אַרויפגעשפּרונגען אויף אַ העזעל. פרעהליך האָט זיך דאָס העזעל צושפּרונגען אויף דער טויאיגער לאָנקע און איז אַוועקגעלאָפען נאָך זאַפטיגע גרעזלעך צום פריהשטיק. דער פירטער שטראַהל איז אַריינגעפאַלען אין ביהנשטאָק. איז אַרויסגעגאַנגען די ביהן פון איהר וואַקסענעם קאַמערעל, האָט זיך געזעצט אויפ'ן פענסטערעל, האָט

פּאַנאַנדערגעלאָזען די פליגעלעך און — זום־זום־זום איז אַוועקגעפלויגען קלויבען האָניג פון די דופטיגע בלומען. דער פינפטער שטראַהל איז אַריינגעפלויגען אין קינדער־צימער, אויפ׳ן בעטעל פון דעם קליינעם פּוילער און שנײַדט איהם די אויגען, אָבער ניט זײַן געשעפט — דער פּוילער קעהרט זיך אום אויפ׳ן צווייטען זײַט און ווערט ווידער אַנטשלאָפען.

16. די ערפינדונג פון מאַגניט.

עס איז געוועזען אַ מאָל אַ פּאַסטוך מיט׳ן נאָמען מאַגנוס. אַמאָל איז בײַ מאַגנוסען פערפאַלען געוואָרען אַ שעפּס, ער איז אַוועק אויף די בערג איהר זוכען. ער איז געקומען אין אַן אָרט, וואו עס זענען געוועזען אַנגעוואָרפען נאָר הוילע שטיינער. ער געהט אַזוי איבער די שטיינער און פיהלט, ווי די שטיוועל קלעבען זיך צו זיי. ער האָט אַנגעטאַפּט די שטיינער מיט די פינגער — ערשט גאָר נישט. טרוקענע שטיינער און צו די הענד קלעבען זיי זיך נישט. לאָזט ער זיך ווײַטער געהן די שטיוועל קלעבען זיך ווידער. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט, אויסגעטהון די שטיוועל, האָט זיי גענומען אין די הענד און האָט גענומען פּרובען די שטיינער. ריהרט ער זיך צו צו זיי מיט׳ן פעל, מיט דער פּאָדעשווע — עס קלעבט זיך ניט, און ווי ער גיט נאָר אַריהר אָן מיט די אײַזערנע שטיפטען, קלעבען זיי זיך גלײַך צו.

מאַגנוס האָט געהאַט אַ הילצערנעם שטעקעל מיט אַן׳אײַזערנעם שפּיץ, ער האָט אַ ריהר געטהון דעם שטיין מיט׳ן האָלץ — גאָר נישט, גיט ער אַ ריהר מיט׳ן אײַזען — האָט זיך אַזוי צוגעקלעבט, תאַטש נעהם און רײַס אָב מיט געוואַלד.

מאַגנוס האָט זיך צוגעקוקט צום שטיין און האָט דערזעהן, אַז ער איז ענהליך צו אײַזען, און האָט געבראַכט אַ היים עטליכע שטיינער. פון דאַמאָלסט אָן האָט מען זיך דערוואוסט פון דעם שטיין און מען האָט איהם אַ נאָמען געגעבען — מאַגנעט.

17. דער אָדלער און די קראָה.

אַמאָל האָט דער אָדלער אַ פראַגע געטהאָן בײַ דער קראָה: „זאָג נאָר, קראָה, וואָס איז די אורזאַכע, וואָס דו לעבסט גאַנצע דריי הונדערט יאָהר, און איך לעב נאָר דרײַ און דרײַסיג יאָהר?“ — „דערפאַר, גוטער ברודער“, ענטפערט איהם די קראָה: „וואָס דו טרינקסט הייסע בלוט, און איך עס נאָר פּאַדלע.

דער אָדלער האָט זיך פערטראַכט: „לאָ׳ם איך אַקאָרסט אויך פּרובען

לעבען אויף דיין שטיינער״. און דער אדלער מיט דער קראה זענען אוועקגעפלויגען צוזאמען. אט זעהען זיי אויפ׳ן פעלד אנ׳אוועקגעפאלענעם פערד, זיי לאזען זיך אראב און נעהמען זיך צום עסען. די קראה גיט א פיק און קען זיך ניט אבלויבען, דער אדלער האט געגעבען א פיק איינמאל און נאך א מאל, האט א פאך געטהון מיט די פליגעל און האט זיך אבגערופען צו דער קראה: „ניין, שוועסטער מיינע, בעסער איז אצוטרינקען זיך מיט לעבעדיגען בלוט איינמאל אויפ׳ן לעבען, אײדער שפייזען זיך דריי הונדערט יאהר מיט פאדלע, און דערנאך — וואס גאט וועט געבען!

18. דער דאנקבארער לייב.

אין רוימישער שקלאף, מיט׳ן נאמען אנדראקל, איז פאר א פערברעכען פעראורטיילט געווארען צו א שווערער שטראף. ער איז אבער אנטלאפען אין א וואלד און האט זיך בעהאלטען אין א הייל. איינמאל קומט צו איהם א שרעקליכער לייב, וועלכער האט זיך געהאט אריינגעשטאכען אין פוס א שפיציגען דארן און האט שרעקליך געברילט פון וועהטאג. אנדראקל האט ארויסגעצויגען ביים לייב דעם דארן פון פוס און פערבאנדאזשירט די וואונד. דער לייב איז אין גיכען געזונד געווארען און אויס דאנקבארקייט פלעגט ער זיך אלע מאל טיילען מיט אנדראקלען מיט זיין רויב.

אין א צייט ארום האט אנדראקל פערלאזען זיין הייל; דאמאלסט האט מען איהם געחאפט און, א געשמידטען אין קייטען, געבראכט אין רוים. מען האט איהם פעראורטיילט ארויסצוטרעטען אין צירק קעגען א לייב. אין דעם בעשטימטען טאג איז דער צירק געווען געפאקט מיט מענשען. די צושויער האבען מיט אונגעדולד געווארט אויף דער בלוטיגער פארשטעלונג... אט בעווייזט זיך פון איין זייט דער פעראורטיילטער אנדראקל און פון דער אנדערער זייט לאזט מען ארויס א ריזיגען לייב... אין צירק איז געווארען טויט-שטיל. און פלוצלונג... האט זיך דער לייב א שליידער געטהון צו אנדראקלען און האט איהם גענומען לעקען די הענד: עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז דאס איז געווען דער זעלבער לייב, זיין אלטער בעקאנטער.

19. ליעבער פאטער.

וואלסט וויסען וויפיעל נייע זאכען איך האב בעגעגענט צייט איך בין ארויסגעפאהרען פון דער היים און איך האב צום ערשטען מאל דערזעהן די אייזענבאהן.

דער וואגאן איז געווען געפאקט מיט מענשען און עס איז אונז אנגעקומען גאנץ שווער, איידער איך האב געפונען פאר זיך אנ׳ארט. אבער דאס ארט איז מיר

גאָר ניט געפעלען ווייל עס איז געווען וויט פון פענסטער, און מיר האָט זיך געוועלט קוקען און זעהען. אויף דער ערשטער סטאַציע זענען עטליכע פאַסאַזשירען אַראָב און עס האָט זיך אָבגעלעדיגט אַנ'אָרט נעבען פענסטער. איך האָב איהם גלייך פערנומען. דער צוג האָט זיך גערירט, און מיר פאָהרען ווייטער, דאָן האָבען זיך גענומען בייטען פערשידענע בילדער פאַר מיינע אויגען: פעלדער, לאָנקעס, וועלדער, בערג, טאָלען און טייכלעך; אויף די לאָנקעס האָבען זיך געפאַשעט שעפסען קיה און אָקסען; גענז און קאַטשקעס זענען אומגעשוואומען אויף די טייכלעך. אָט בעוויזט זיך אַ דאָרף, אַ דערפעל מיט קליינע שוואַרצע הייזלעך, מיט שטרויענע דעכער, און ווידער פערשוואונדען, און פעלד האָבען זיך געזעהען פויערען און פויערטעס וואָס האָבען געשניטען, געבונדען גאַרבען, געקאָשעט היי און צונויפגעשאַרט אין הויכע קופעס אָדער געלאָדען היי אויף די וועגען.

און אַזוי ביז מיר זענען געקומען צו דער לעצטער סטאַציע, וואו מיר האָבען געדאַרפט אַראָבשטייגען. אויפ'ן וואָקזאַל האָבען געוואַרט אויף מיר דער פעטער מיט זיין עלטערען זון.

קירצליך וועל איך דיר שרייבען וועגען דעם, ווי איך פערברענג מיין צייט אין געסט.

דיין זון...

20. הערבסט.

סעפּטעמבער, אָקטאָבער און נאָוועמבער זענען הערבסט-מאָנאַטען. אין הערבסט ווערען די טעג קירצער און די נעכט לענגער. די זון וואַרימט ווייניג. דער הימעל ווערט אָפט פערצויגען מיט וואָלקענס; עס שפּריצט אַ דראָבנער רעגען. די פויגעל פליהען אַוועק אין די וואַרימע לענדער; די פליגען מיט אַנדערע אינזעקטען ווערען פערשוואונדען; די בלעטער אויף די בוימער ווערען געל און פאַלען אַראָב אויף דער ערד; די גראָז ווערט פערוועלקט. די ערד-אַרבייטער פערענדיגען זייערע פעלד-אַרבייטען. אין די גערטנער נעהמט מען צוזאַמען די פּרוכטען.

21. דער האָז און די פויגלען.

ענטלויפענדיג פון יעגער האָט דער האָז בעגעגענט אַ סטאַיע וואַנדער פויגלען און זיי געפרעגט:

— וואוהין פויגעלעך, וואוהין, שעניקע, טראָגט אייך דער גוטער יאָהר?

— מיר פאַרלאָזען דעם טויטען טהאָל, דאָס הונגעריגע לאַנד, וואו די הימעל זענען בעדעקט מיט וואָלקען און דער רעגען גיסט אָן אַ אויפהער. דאָ איז אַלטקייט און ווינטער, דאָ איז טויט און פערניכטונג, און דאָרט — ווייט, הינטער די וואָלקען איז אַ גאָלדענע לאַנד, וואו די הימעל זענען קלאָר און ליכטיג, דאָרט איז זעטיגקייט, דאָרט איז פריהלינג און לעבען.

— נעהמט מיך מיט, האָט געבעטען דער האָז, נעהמט מיך אויך מיט זיך! איך לייד דאָ אויך אַזוי ווי איהר.

— וואָס פעהלט דען דיר?

— מיך יאָגען שלעכטע מענשען, וועלכע דורשטען נאָך מיין בלוט און זוכען מיין פעל און מיין פלייש.

— אַזוי! אויב דער מענש איז דיין פיינד, אונגליקליכער, וועט דיר דען העלפען דיין ענטלויפען? צו איז דען דאָ אַזאַ אָרט וואו דער מענש וועט דיך ניט געפינען? האָבען געענטפערט די פויגעלעך און געפלויגען ווייטער.

י. שטיינבערג.

22. דִי דוּרְכְגֶעהֶער אוּן דִי הִינְט.

צוויי גוטע פריינד זענען זיך געגאַנגען אָוועגד צייט,
און האָבען געהאַלטען אַ וויכטיגע רעדע;
פּלוצלונג האַפּט זיך אַ הינטעלע אַרויס פון אַ זייט
און הייבט אָן בילען און האַוקען איף זיי בידע:
נאָך איהם דער אנדערער, נאָך צוויי, דריי,
מיט אַ געפילדער און מיט אַ בילעריי
און טאַקע אַזוי אין איין אויגענבליק
זענען אַרויס הינט אַ פופציג שטיק.
איינער האָט שוין געוואָלט אויפהייבען אַ שטיין
„ניין, ברודער", זאָגט דער צווייטער, ניין!
מיט דעם וועסטו זיי ניט איינשטילען,
זיי וועלען נאָך בעסער אָנהויבען צו בילען —
לאָמיר געהן, איך בין בעסער קלאָר

אין דער הינטישער נאַטור".
באמת זענען זיי אבגעגאַנגען אַ פופציג טריט
האָבען זיי אָנגעהויבען שטילער ווערען
און נאָך אין עטליכע מינוט
האָט מען זיי אויפגעהערט אין גאַנצען הערען.
שלעכטע מענשען בילען אויף יעדער זאַך
אַלסדינג איז ביי זיי אַ קרן;
נאָר דו גייה דיר דיין וועג גלייך
זיי וועלען זיך איבערבילען און אויפהערען:..

פון קרילאָוו.
איבערזעצט דורך ישר׳אל זינגער.

✿ ✿ ✿

— אוי, נעסטעלעך, נעסטעלעך פוסטע,
מיט שנייִ פערשאָטען, פערגליווערט געוואָרען;
עס פליהען די ווינדען און קלאָגען אויף זיי
און רוישען און גרימען מיט צאָרען.
אוי פויגעלעך ליעבע, וואו זענען זיי איצט?
— אַוועק איבער בערג, איבער מעערען
אַהין, וואו דער מאָרגענשיין פינקעלט און בליצט
און ס׳שמייכלען די גאָלדענע שטערען...

ש. פרוג.

23. דער העלד.

אַמאָל האָבען די ווייסע געפאַנגען זיבען נעגערען און האָבען זיי פער־אורטיילט צום טויט דורכ׳ן שווערד. די ווייסע האָבען זיי געזאָגט: „ווער פון אייך עס וועט אויספיהרען דעם טויט־אורטייל און אַראָבנעהמען די קעפ ביי די איבעריגע, יענעם וועט מען שענקען דאָס לעבען"! קיינער פון די שוואַרצע האָט אָבער אויף דעם ניט איינגעשטימט. האָט געזאָגט דער אַטאַמאַן: אויב

איהר וועט ניט אויספיהרען מײַן בעפעהל מיט'ן גוטען ווילען, וועט איהר איהם מוזען טהון מיט בייזען. ער האָט גערופען איינעם פון די געפאַנגענע און האָט איהם געזאָגט: „טהו, וואָס איך האָב בעפאָהלען, אָדער איך וועל דיך בעשטראָפען מיט אַ גרוויזאַמען און לאַנגזאַמען טויט". דער ווילדער האָט געענטפערט: „גוט, אָבער איך מוז פריהער אָנשאַרפען מײַן מעסער, ווײַל ער איז טעמפ". מען האָט איהם דערלאַנגט זײַן מעסער. דער נעגער האָט זיך אָבגעדרעהט אָן אַ זײַט, געגעבען אַ פאָך מיט'ן מעסער און האָט מיט איין מאָל זיך אַליין אָבגעהאַקט די רעכטע האַנד. ער האָט זיך גלײַך געווענדעט צום אַטאַמאַן און, דערלאַנגענדיג איהם די אָבגעשניטענע האַנד, האָט ער געזאָגט: „זעהסט, איצט קען איך שוין ניט אויספיהרען דײַן בעפעהל.

דער ווײַסער אַטאַמאַן איז געבליבען אַנ'ערשטוינטער פאַר דעם שוואַרצען העלד און האָט גלײַך צוריקגענומען זײַן בעפעהל.

24. ווינטער.

דעצעמבער, יאַנואַר און פעברואַר — איז ווינטער. די זון געהט אויף שפעט און פערגעהט פריה. דעריבער זענען די ווינטער־טעג זעהר קורץ און קאַלט. די ערד איז פערדעקט מיט שניי, די טײַכען און אָזערעם — מיט אײַז. דאָס אײַז ווערט אַזוי דיק און פעסט, דאָס מען קען איבער איהם ניט נאָר געהן, נאָר אויך פאָהרען. ווינטער פאָהרט מען אויף שליטענס. די בוימער און שטרויכען שטעהען הוילע, אָהן בלעטער, נור די סאָסנעס מיט די יאָדלעס בלײַבען בײַ זייערע גרינע נאָדלען. פויגעל בלײַבען זעהר וועניג, עס הערט זיך נאָר דער קאַר־ר־ר פון דער קראָה און דאָס טשירקען פון דעם שפערלינג. די יעגער לאָזען זיך אַרויס אין וואַלד אויף געיעג. די קינדער שליטלען זיך אויף שליטלעך, שפילען און שנייבאַלען. ווינטער הייצט מען די אויוענס און מען קלײדט זיך אין וואַרימע קליידער.

25. ווינטער אין שטעדטעל.

ווינטער — איינאַרטיגער גרויער, וואָלכענדיגער הימעל ליגט שווער איבער דעם שטעדטעל. קאַלט איז ער, דער הימעל, און עס גלוסט זיך איהם נישט ס'מאָל צו זאָרגען... דער מאַרק אין שטעדטעל איז מיט שניי בעשאָטען, הויכע קופעס שניי ווי ערשט יעצט פון גאָט'ס הימלען אַראָבגעפאַלען. אַזוי גלײַך, אַזוי אָבגעטאָקט, גלײַך ווי מען וואָלט מיט צופלײַס איין פראָשעקעל אויפ'ן צווייטען אַרויפגעהויבט. זיי ליגען פאַר די הײַזער. און די הײַזלעך, ווײַסע נאַכט־קאַפּקעלעך אויף די קעפ, חאַ, חאַ, חאַ, אַ געלעכטער'ל האָט

ער זיך געמאַכֿט דער שטיפֿער, דער שניי. אַלטע הייזלעך שטעהען נעבעך פֿאַר זיך, האָבען מיט זיך זעלבסט צו טהון... קומט ער און טהוט זיי אויף די קעפּ קאָפּקעלעך אָן...

אַ געלעכֿטעריל מאַכֿט ער זיך.

אַרום דעם מאַרק שטעהען די הייזלעך, אַלע ווייס בעשנייט. דער מאַרק, די שוואַרצע ברוק, מיט שניי בעשאָטען און עס דאַכֿט זיך, אַז אַלעס בליהט פֿון זיך מיט שניי... און אויך די צווייגלעך פֿון די ביימער ציהען פֿון זיך לאַנגע שניי=שטריקלעך, און עס דאַכֿט זיך: אָט-אָט האָט דאָס צווייגעלע ווייסע שנייען בלומלעך פֿון זיך אַרויסגעצויגען...

און דער שניי האָט פֿול געמאַכֿט די לעכֿער אין די שול, וואָס די ציגען האָבען אויסגענעסען.

און אַרום און אַרום איז אַ ווייסע וועלט, אַ ווייסער מאַרק, אַרום מיט ווייסע הייזלעך, איך וואָלט געשוואָרען, יודען אין קיטלען מיט ווייסע קאַפּעלעך... דער באַרג אין ווייסען אָנגעטהון, און מיטען שטעהען זיך די צוויי ביימעלעך און בליהען... זיי ציהען פֿון זיך ווייסע בלימעלעך אַרוים...

ש. אַש.

26. ווינטער

ווי פֿיעל ליכטיגקייט אַרום.
טויזענד קליינע שטיקלעך ליכט
ליגען גלאַנצען אויפ'ן שניי,
טאַנצען, פֿליהען און געזיכט.

ווי אַ גרויסע, קאַלטע זון
האָט צוקלאַפּט גאָט אין דער פֿריה
אין אַ זילבער=ווייסען שטויב
און געזאָגט איהם: געה און פֿליה!

יעקב שטיינבערג.

27. דער אָדלער און דער האָהן.

דעם מעכֿטיגען בריט-פֿליגעלדיגען אָדלער האָט מען געפֿאַנגען און אַריינגעזעצט אין אַנ'אייזערנעם שטייג. אַ גאַנצען טאָג איז דער אָדלער געזעסען

אַ פערטרוייערטער, האָט נאָר נישט געגעסען, ניט געטרונקען. אַנטקעגען איהם, אין אַ הילצערנעם שטײַגעל איז געזעסען פערשפאַרט אַ האָהן. דער האָהן האָט זיך אָבגערופען צום אָדלער: „אָדלער! אָדלער! פאַר וואָס עסטו ניט און פאַר וואָס טרינקסטו ניט? וואָס ביזטו אַזוי צוטראָגען? אונזער ווירט, זעהסטו דאָך, זאָרגט זיך וועגען אונז ביידען גלײַך"!

דער אָדלער האָט אָבגעמאָסטען דעם האָהן מיט אַ פלינקען בליק און האָט געענטפערט: אָ, דו האָהן, וואָס דו האָסט אַזאַ גרויסען קאַם מיט אַזוי וועניג פערשטאַנד! וואָס גלײַכסטו זיך צו מיר? דו שטאַמסט פון קאָטוך, געהאָדעוועט האָסטו זיך אויף דער מיסט־קופע, דײַן גאַנצע וועלט — איז דער הויף, דו שפרייטסט אוים דײַנע פליגעל און שפרינגסט אַרויף קוים אויפ'ן פלויט און דײַן שפײַז איז קערנדלעך מיט ווערים; דעריבער ביזטו צופרידען אין דײַן שטײַג און דו קרעהסט פאַר פערגניגען, ווען מען וואַרפט דיר צו אַ הויפען קערנער.

אָבער איך — מײַן געבורטסאָרט איז דער הויכער פעלזען־שפיץ, מײַן וויעג־בעטעל זענען די צווײַגען פון טענענבוים, צווישען וואָלקען האָב איך זיך געהאָדעוועט און מײַן היים זענען די הויכע בערג מיט די ברייטע, ליכטיגע הימלען, און מײַן שפײַז — איז רויב!... ניין, איידער אַזאַ לעבען לאָ'ם איך בעסער שטאַרבען"!...

28. בעסטער פריינד:

אויף דעם מאָל וועל איך דיר בעשרײַבען די שרפה, וועלכען מיר איז אויסגעקומען צו זעהען אין שטעדטעל וואוהין איך בין מיט צוויי וואָכען צוריק געקומען. דאָס איז געוועזען עטוואָס אויסערגעוועהנליכעס.

אין מיטען נאַכט האָט זיך פלוצלונג קלינגען געהערט.

דער הימעל איז מיט אַמאָל ליכטיג געוואָרען, ווי אַ רויט־ברענענדיגע ליכטיגע חמאַרע וואָלט איהם פערצויגען, און וואָלט אַ האַלבען הימעל בעלויכטען. פון דער ווײַטען האָבען זיך געלאָזט הערען וויינענדיגע שטימען און דער שטאָדט־גלאָק האָט זיך צוקלונגען מיט אַ גוואַלד. האַלב־נאַקעטע ווײַבער, נאַקעטע קינדער חאַפען דאָס ביסעל אָרימקײַט, פעק בעטגעוואַנד, ווער אַ קישען, ווער אַנ'עמער מיט שטוב־זאַכען. מיט שרעקליכע גוואַלדען, מיט פאַנאַנדערגעלאָזענע האָהר לויפען זיי פון פײַער, גאַס אויס, גאַס אײַן. קליינע קינדער האַלטענדיג זיך אָן די מאַמעס שירצען, גרעכערע, העלפענדיג דער מאַמען די פעקלעך טראָגען, לויפען מיט געוואַלד, מיט געוויין. מאַמעס טראָגען זויגעדיגע קינדער אין די קישענס, ברידער — קליינע שוועסטערלעך, שוועסטער — קליינע ברידערלעך. יודען, פויערען שלעפען עמערלעך וואַסער געהען מיט אַ געוואַלד און גיסען דאָס וואַסער אין פײַער אַרײַן. טייל

מענשען, ניט ווייסענדיג, וואָס צו טהון האָפען פענסטער, טירען און לויפען דער מיט אין דער וועלט אריין. טייל מענשען, האָפענדיג ווער א האַק, ווער א לאָפּעטע, האַקען די ווענד, רייסען די דעכער פון זייערע אייגענע הייזער...

און אז עס איז אַרוים די זון אויפ'ן הימעל, איז שוין דאָס פייער געוועזען פערלאָשען. דאָס שטעדטעל האָט אין גאַנצען אָבגעברענט. פיעל איינוואָהנער צו־פאָהרען זיך אין די אַרומיגע שטעדטלעך, ווער צו אייגענע, ווער צו בעקאַנטע.

פון מיר דיין פריינד.

29. נאָכ'ן רעגען.

ביסלעכווייז האָבען זיך די וואָלקען אויף שטיקער צוריסען און א טיעפער הימעל האָט זיך אָנגעהויבען אַרויסצולייכטען. דער רעגען האָט אָנגעהויבען שטילער צו ווערען. דער מאַרק ענטפּלעקט זיך און ווערט ליכטיג. א גלעזערנע טיר האָט זיך שוין געעפענט, און א יודענע האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ, אַרויסוואַרפענדיג א פעסעל אונטער דער רינעס; עס עפענט זיך א טיר נאָך א טיר און מעדלעך אין רויטע פאַטשיילעכלעך, אַרומגעבונדען די קעפּ און מיט פערשאַרצטע קליידלעך איבער די באָרוויסע פיס הויבען אָן צונויפצוברענגען גאַנצע טראַנספּאָרטען מולטערס און לאָקשען־ברעטער... און עס גיסט אין די געפעס פון דאַך אַריין אַראָב מיט א געפויקעריי—און גאָר נישט... אין צווייטען זייט אויפ'ן הימעל, וואו עס איז נאָך פערוואָלקענט, האָט זיך בעוויזען א רעגען־בויגען, אין זיינע פאַרביגע קאָלירען אויסגעאַרמעלט... אונטער'ן פענסטער האָבען זיך ענטלעך געבאָדען, אַרומפּאַטשענדיג מיט די וויסע פליגעל און מיט אויסגעצויגענע העלזלעך געלאָזט זיך הערען מיט א פרעהליכען קוואַ־קוואַ־קוואַ אין מאַרק אַריין... די מאַרק־ווייבער האָבען צוריק זייערע שטעלען פערהאַפּט, און קינדערלעך אין די העמדלעך אָדער מייטקעלעך מיט אַרויסגעשטעקטע העמדלעך האָבען זיך אַרום די וואַסערלעך צונויפגעזאַמעלט. די קינדערלעך פּלעסקען מיט די נאַסע הענטלעך— און די וואַסערלעך—ניט זייער געשעפט— פּלעסקעט זיך יודישע קינדערלעך, גריבעלט זיך, נאָר לויפען לאָזט, לויפען... אין טייכעל באָדען זיך דאָס יונגוואַרג זוי לעגען שענע קלאַפּטער, מיט שענע אויסגעצויגענע נאַקעטע הענד איבער'ן וואַסער, עס זאָל קיין שפּריצעלע נישט טהון...

א. מ. ווייכענבערג.

פריהלינג.

און עס האבען זון און שטראהלען
לאנג צושטערט די ווינטער־צוימען.
הינטער פענסטער בליהט דער מאי־בוים,
און אין הארצען פריהלינגס־טרוימען.

און עס פאלען פונ'ם הימעל
ווי די גינגאלדענע גארבען
אויף די דעכער און די שויבען
גאנצע פעק פון העלע פארבען.

און די פויגעל זינגען שירה
און די בלעטער גרינען, גרינען,
און עס שפיגעלט זיך דער פריהלינג
פון בענינען ביז בעגינען.

משה טייטש.

30. די מאַלפּע מיט די ברילען.

אַ מאַלפּע איז געוואָרען שלאַף אויף די אויגען
און פֿון מענשען האָט זי געהערט רעדען,
אַז אויגען ווייטאָג איז האַלבע ליידען
דערצו קענען נאָך ברילען טויגען.
אַז זי איז געוואָר געוואָרען פֿון אַזאַ גוטס
האָט זי געקריגען ברילען אַ האַלב טוץ
און לייגט זיי צו צום שטערען.
און דרעהט זיי אַהין און אַהער ווי אַ דריידעל,
אָט היינגט זי זיי אויף איהר ווידעל
אָט טהוט זי זיי אַ שמעק
אָט טהוט זי זיי אַ לעק.
זיי טויגען איהר אָבער גאָר ניט.
שלעכט, שלעכט! עס איז גאָר ניט גוט.
„טפוי! אין אַלע שווארצע יאָהרען",
זאָגט די מאַלפּע מיט גרויס צאָרען,
דער איז אויך אַ גרויסער דוראַק
וועלכער הערט צו דעם פּלוידערזאַק
אַלע מענשען ווי די הינט בילען,
מיט דעם נוטץ פֿון די ברילען.
און קיין נוטץ איז ניטאָ פֿון זיי איין האָר,
געהן זאָלען זיי צום שווארץ יאָהר!
און מיין מאַלפּע איז געוואָרען ברוגז צום סוף
און שטעהט מיט אַזאַ כעס אויף
אַז זי האָט זיי אַ וואָרף געגעבען אָן אַ שטיין
עס איז ניט געבליבען פֿון זייער געביין.

פֿון קרילאָוו.

איבערזעצט דורך ישראל ווינער

ביי נאכט.

אלע קלאנגען אבגעשטארבען,
שטאדט און דארף איז איינגעשלאפען;
ערד און הימעל, ווי געליעבטע,
האבען זיך אין פעלד געטראפען.

און זיי טוליען זיך צוזאמען
אין די גראבענס אויף די בייטען
אונטער זייד'נעם צויבער־שלייער
מיט די זילבער־ווייסע קוויטען.

און די נאכט אין קרוין פון מאנד־שיין
בלאנדזעט אום אין וואלד אין שווארצען,
זוכט דארט וועמען ביז בעגינען
מיט א פלאטערענדען הארצען...

שא, אין מזרח פאלט א שטערען —
א געריס פון נאט, פון אויבען:
ביז פארטאג פליהען אלץ געריסען,
ווי די שטילע ווייסע טויבען...

משה טייטש.

31. קלאַסיפיצירונג.

1) טעג פון וואָך: זונטאָג, מאָנטאָג, דינסטאָג, מיטוואָך, דאָנערשטאָג, פרייטאָג, שבת.

2) מאָנאַטען: יאַנואַר, פעברואַר, מערץ, אַפּריל, מאַי, יוני, יולי, אויגוסט, סעפּטעמבער, אָקטאָבער, נאָוועמבער, דעצעמבער.

3) צייטען פון יאָהר: פריהלינג, זומער, הערבסט, ווינטער.

4) מעטאַלען: גאָלד, זילבער, פּלאַטין, קופּער, מעש, אייזען, שטאָהל, בליי, צין.

5) בלומען: רויזען, פיילכען, קאָרן־בלומען.

6) געטריידע: קאָרן, ווייץ, גערשטען, האָבער, גריקע, הירזש.

7) גרינס: קאַרטאָפעל, מערען, ציבעלע, קרויט, אַרבעס, ריבען, מאָן, בוריקעס, אוגערקעס, חריין, באָב, רעטעך.

8) בוימער: דעמב, סאָסנע, יאָדלע, טאָפּאָל, ווערבע, ברעזע, ראָבינע, עפּעלבוים, באַרענבוים, לינדענבוים.

9) פרוכטען: עפּעל, באַרען, פלוימען, קאַרשען, אַפּעלסינען, קאַוואָנעס.

10) אינזעקטען: פליג, זשוק, שמעטערלינג, ביהן, מוראַשקע, קאָמאַר, גריל, שפּין, זומער־פערדעל.

11) פיש: העכט, שלייען, הערינג, פלאָטקעס, קאַרפּען

12) זינג־פויגעל: נאַכטיגאַל, קאַנאַריק, קוקוק.

13) רויב־פויגעל: אָדלער, סאָווע, קאָרשון, קראָה.

14) הויז־פויגעל: הוהן, גאַנז, קאַטשקע, אינדיק, טויב.

15) ווילדע טירען: לייב, בער, טיגער, וואָלף, פוקס, האָז, וועווערקע.

16) הויז־טירען: פערד, קוה, קאַץ, הונד, שעפּס, ציג, עזעל.

17) האַנדווערקער: שניידער, שוסטער, סטאָליער, בויער, מוליער, טאָקער, איינבינדער, העגטשקע־מאַכער, שמיעד, רימאַר.

18) שוכוואַרג: שטיוועל, שיך, פאַנטאָפעל, קאַלאָשען, וואָליקעס.

19) וועש: העמד, זאָק, נאָז־טיכעל, האַנטוך, סערוועט, טישטוך, לייכער, ציכעל.

20) קליידער: סורדוט, קאַפּאָטע, פוטער, פעלץ, מאַנטעל, זשילעט, הויזען, לייבעל, פראַק, חאַלאַט, הוט, היטעל.

21) געפעס: טעלער, טעצעל, קענדעל, פלאַש, גלאָז, גלעזעל, שיסעל, קעסעל, טעפעל, פאַהן, סאַמאָוואַר, טשייניק, קרוג, עמער, שעפעל, ברויט־דייזע, מולטער, סקאָוואָראָדע.

22) געציינ: זעג, האַק, מעסער, אָל, צוואַנג, האַמער, שער, גאָל=מעסער, רודעל, רודער, דלאָט, נאָדעל, ענבער, הובעל,

23) געוועהר: האַרמאַט, ביקס, פיסטאָלעט, רעוואָלווער, שווערט, שפיז.

24) געביידעס: הויז, שול, פאַבריק, שפייכלער, שטאַהל, מיהל.

25) מעבעל: טיש, שטוהל, אַלמער, קאַנאַפע, קאַמאָד, בעט, בענקעל, עטאוש[illegible]קע.

26) געטראַנקען: וואסער, מילך, טיי, קאַווע, קוואַס, ביער, וויין.

27) עסענוואַרג: [illegible]ויט, זויערס, זופ, קאַשע, בראָטען.

28) געווירצען: זאַלץ, פעפער, זענעפט, צימרינג, צוקער, אייל.

29) איינענע: פאַטער, מוטער, זון, טאָכטער, זיידע, באָבע, אייניקעל, עלטער=זיידע אור=אייניקעל, ברודער, שוועסטער, פעטער, מוהמע, פלימעניק, פלימעניצע, קוזין, קוזינע.

30) פריינד: שווער, שוויגער, איידעם, שוואָגער, שוועגערין, שטיף=פאָטער, שטיף=[illegible] [illegible]זון, שטיף=טאָכטער.

[illegible]יך, העפט, גריפעל, ברעטעל, הענטעל, פעדער.

[illegible], שואָם, קרייד, מעקער.

אנפאנגס־בריעף.

ליעבע מוטער:

איך בעפריעדיג דיין פערלאנג און שרייב דיר א בריעף גלייך נאך מיין אנקומען אין ב.; איך האב דא, א דאנק גאט, אלעמען געפונען און דער בעס־טער ארדנונג, און ווי רחל האט זיך דערפרעהט מיט מיר — קענסטו דיר אליין פארשטעלען. די קליינקע אסתר'ל

איז באלד חבר געווארען מיט מיר און
איך האב געמיינט דוקא שלאפען מיט
איהר צוזאמען. אויף מארגען, ווי איך
בין אויפגעשטאנען און געפריהשטיקט,
איז רחל מיט מיר געגאנגען אין גאס,
איינצוקויפען פערשיעדענע קלייניגקיי-
טען. מאנטאג וועל איך האבען דעם
ערשטען עקזאמען און רחל זאגט, אז
איך וועל אפשר קענען גלייך אנקומען
אין 3-טען קלאס.

שרייב מיר, טייערע מוטער, ווי אזוי
האסטו פערבראכט די נאכט נאך מיין
אבפאהרען און וואס דו מאכסט אין
געזונד. וועגען מיר זאלסטו גארניט

קלערען — מיר פעהלט דא קיין גליק
נישט, אויסער דיר, טייערע מוטער!

דיין איבערגעגעבענע טאָכטער...

ליעבע, גוטע מוטער!

דאס ערשטע מאל אין מיין לעבען
קומט מיר היינט אויס צו פייערען דיין
געבורטסטאג, נישט זענענדיג מיט דיר
צוזאמען; פערגעסען האב איך אבער
און דעם טאג נ י ש ט. און צוזאמען מיט
דיינע אלע איבעריגע קינדער בעט איך
אויך דעם בארימהערציגען גאט, ער
זאל אונז דעם טייערען, אונשעצבארען
אוצר איבערלאזען נאך אויף לאנגע.

לאַנגע יאָהרען

מיט דער בְּרָכָה מיינער, נעהם צו אויך די קליינע מַתָּנָה, וואָס איך האָב אַליין אויסגעאַרבייט פאַר דיר. די שָׁעה׳ען, וועלכע מיינע פינגער האָבען דאָס געאַרבייט, זענען פאַר מיר גליקליכע געווען — איך האָב געוואוסט, פאַר וועמען איך אַרבייט און ווער עס וועט פון דעם געניעסען!

איך בענש און קוש דיך און דעם טייערען פאָטער און אַלע קינדער מיט דער הערצליכסטער ליעבע.

דיין טאָכטער, וואָס איז צוגעבונדען צו דיר

מיט'ן גאַנצען האַרצען...

ליעבער, טײַערער זײדע!

מיט דער גרעסטער פרייד נעהם
איך איבער די פעדער אין האנד, דיר
אויסצודריקען מיין הערצליכע ברכה
צום נייעם יאהר. איך געדענק גוט
די אלע גוטסקייטען, וואס דו האסט
מיר שטענדיג ארויסגעוויזען, און ווי
לעבעדיג שטעהען מיר נאך איצט
אויך פאר די אויגען די העלדען פון
דיינע הארציגע, ליעבע מעשיות, מיט
וועלכע דו פלעגסט אונז, אייניקלעך,
דערקוויקען אין די קאלטע, לאנגע
ווינטערנעכט. און דיינע קלוגע, גוטע
עצות! דו האסט, ליעבער זיידע, אַ סך

געזעהען, אַ סך געלעהרנט און אַ סך
איבערגעטראגען אין דיין לעבען, און
פאר די פרוכט פון די דאזיגע ער-
פאהרונגען, וואס דו גיסט מיר אלע
מאל איבער אין דיינע ליעבע, קלוגע
בריעף – בין איך דיר דאנקבאר פון
טיעפען הארצען.

צו דעם נייעם יאהר ווינש איך דיר,
טייערער זיידע, דו זאלסט נישט ליידען
פון קיין שום קראנקהייט און פון קיין
שום אנדער צָרה, און זאלסט זוכה
זיין צו אַ גליקליכער, רוהיגער על-
טער אין דעם קרייז פון דיינע איבער-
געגעבענע קינדער און קינדס-קינדער.

דיין טייער=דאנקבארער ...

טײַערע עלטערן!

אייער ליעבען בריעף פון דעם
פערגאנגענעם מיטוואך האב איך
פינקטליך ערהאלטען און מיט שמחה
געלייענט. ער האט מיר א דאפעלטען
פערגניגען פערשאפט, דען ערשטענס
האב איך מיך פון איהם דערוואוסט,
אז איהר זענט, א דאנק גאט, גע-
זונד; און צווייטענס האט ער מיר
געבראכט די האפנונג, זיך מיט אייך
צו זעהען אין גיכען. איך מוז אייך
זאגען דעם אמת, אז איך האב מיך
אין דער לעצטער צייט שרעקליך
פערבענקט נאך דער היים און בע-

זונדער — נאך אייך; און אזוי ווי מיר
איז היינט אונמעגליך אוועקצופאהרען
פון דאנען, בעט איך אייך טאקי זעהר
שטארק, איהר זאלט מיר פערשאפען
דעם פערגניגען און קומען אהער
חאטש אויף איין טאג. איך ערווארט
שוין דעם טאג מיט דער גרעסטער
אונגעדולד און דאנק אייך פאראויס.
טייערע, פאר אייער צערטליכער ליעבע
צו מיר. פון מיין זייט בין איך אויך
גרייט אלעס צו טאן, אום אייערע
פערלאנגען צו בעפריעדיגען, און
צום צייכען פון מיין פלייסיגען לעהרנען
און אנשטענדיגער אויפפיהרונג קען

איך דיענען דער אַטעסטאַט פון מיין
לעהרער, וועלכען איך לעג דאָ ביי
צוזאַמען מיט'ן בריעף.

אייער הייס=ליעבענדער זוהן . . .

ליעבע טײַערע שוועסטער!

ענטשולדיג פאַר די שמערצען, וואס
איך האב דיר פערשאַפט מיט מיין
נישט שרייבען אַזוי לאַנג – איך האב
פשוט נישט געהאַט, וואס צו שרייבען.
גוטס האב איך פאַר דער לעצטער
צייט גאַנץ ווייניג איבערגעלעבט, און
שילדערן דיר מיינע ליידען האב איך
נישט געוואָלט: איך האב געוואוסט,

איך דו האסט דיינע אייגענע אויך נישט
וועניג. יאָ, טייערע, עס וואלט שוין
לאנג צייט זיין, די זון זאל אין
אונזער פענסטער אויך א שיין טאָן;
צו־פינסטער איז שוין דער הימעל
איבער אונזערע קעפּ... בערעכען
נאר: זינט אויזער ליעבע מוטער האט
אונז איבערגעלאזען אלזוי עלענד אויף
גאטעס וועלט, אהן א שום פריינד, אהן
א שום געלט, האבען מיר דאך נאך
קיין איין ליכטיגען טאג פאר זיך
נישט געהאט! און דערצו נאך האט
אונז דער גורל פונאנדערגעווארפען
אלזוי ווייט איינע פון דער אנדערער,

אַך אַפּילו אויסגעסען אַמאָל דאַכ
האַרץ איז אויך נישטאָ פאַר וועמען,
און מ׳ווערט דערשטיקט אונטער דער
משא פון די שווערע שטיינער, וואָס
הערען נישט אויף צו פּרעסען און צו
דריקען. גלויב מיר, האַרציגע אֶסתֶּר,
אַז אָפּטמאָל וואָלט איך בערייט זיין אַ
טייל פון מיין לעבען אַוועקצוגעבען
בלויז נאָר דערפאַר, צו האָבען נעבען
זיך עפּעס אַ נאָהענטען, ליעבען מענשען,
פאַר וועמען אַראָבצורעדען די ביטערע
צרות פון האַרצען!
און דו, שוועסטער! האָסט נאָך
נישט פערלאָרען די האָפנונג. אויף

בעסערע צייטען? גליקליך איז דער,
וואס האפט און גלויבט; גאנץ אפט
איז אבער דאס לעבן פיעל אכזריות'
דיגער, ווי מ'שטעלט זיך פאר, און
לאנגט אפילו פון דעם גליק אויך
נישט גענאסען..

איך ווארט מיט אונגעדולד אויף
דיינעם א בריעף און פערבלייב

דיין ליעבענדע שוועסטער ר. ל.

טײַערע ב. ז.!

איך ווייס נישט, וואס דאס זאל בע-
דייטען: צו אונזער פריינד ד. האב
איך שוין דריי בריעף אוועקגעשיקט,

און קיין ענטפער נישט בעקומען. און
דעם פערלויף פון דער גאנצער
צייט, זיינט מיר געווען צושיידט. איז
נאך אלזוינס נישט הארגעקומען, און
איך גלויב דעריבער, אז מיט איהם
איז עפּעס געשעהען. אֶפְשָׁר האסטו
עפּעס אַ יְדִיעָה פון איהם? אויב יא —
שרייב מיר גלייך און בערוהיג דעם
איבערגעשראקענעם...

געשעצטער פעטער!

קומענדיג בְּשָׁלוֹם צוריק אהיים,
געפין איך פאר מיין פליכט, אויסצו-
דריקען אייך און דער ליעבער מוהמען

מיין הערצליכסטען און טיעפסטען דאנק פאר דעם פערגניגען, וואס איהר האט מיר פערשאפט אין דער צייט, וואס איך האב פערבראכט ביי אייך. די דאזיגע צייט וועט ביי מיר אייביג בלייבען אין זכרון, און טראכ-טענדיג וועגען די אנגענעהמע טעג, וואס איך האב איבערגעלעבט אין ט. וועל איך שטענדיג מיט א טיעפער דאנקבארקייט דערמאהנען זיך אייך, ליעבער פעטער, און אייער גאנץ הויזגעזינד.

אייער איבערגעגעבענער שוועסטערזאהן...

טייערסטע שוועסטער.

אַ הערצליכען דאנק דיר פאר די ביכער, וואס דו האסט מיר געשיקט. איך וואלט שוין איצט האבען אויף אַ לאנגע צייט צום לייענען, און דאס איז דאך, ווי דו ווייסט, איינס פון די גרעסטע פערגניגענס אין מיין לעבען. איך קען דיר איצט איבערגעבען נאך אַן אָנגענעהמע נייעס. דו ווייסט דאך, אַז איך קלויב מיך שוין פון לאנג, אנצוהויבען לעהרנען די פראנצויזישע שפּראך, און האב אוף נישט געקענט קריגען קיין לעהרער; וואס זאל גוט בעניצען די שפּראך; ערשט יענע

וואך איז אבער געקומען צו אונז
אין שטעטל א יונגער מענש, וואס
האט לאנגע צייט פערבראכט אין
פראנקרייך און קען די שפראך
גרינדליך. איך בין גלייך אוועק צו
איהם, און ער האט מיר צוגעזאגט,
צו געבען מיר א לעקציעס עטליכע מאל
אין דער וואך אזוי לאנג, ווי ער
וועט נאר דא זיין. איך האב שוין
אנגעהויבען לערנען ביי איהם, און
עס געהט גאנץ גוט; איך האף, אז
ביז ער וועט דארטען אוועקפאהרען,
וועל איך שוין בעקאנט זיין מיט דער
שפראך אויף אזוי פיעל, אז איך וועל

שוין קענען לעזען אליין.
ווייטער איז קיין בעזונדערס ביי
אונז נישט פאָרגעקומען, און טאַמער
איז יא געווען וועגן עפעס צו שריי-
בען, — האָט עס געוויס די מוטער שוין
געטאָן אהן מיר.
אַדיעה!

דיין דאַנקבאַרער שילער...

ליעבער ברודער!

זיי נישט בעז אויף מיר פאַר מיין
נישט שרייבען אַזוי לאַנג; גלויב מיר,
אַז קיין סך איבריגע צייט בלייבט מיר
נישט פאַר זיך. דו ווייסט דאָך, אַז

פון 9 אין דער פריה ביז 9 אין אבענד
בין איך פערנומען אין געשעפט, און
ווען איך קום פון געשעפט אהיים,
בין איך אזוי מיעד און פערשלאגען,
אז מיר איז שווער מיט א גליעד א
ריהר צו טאן, און ווער רעדט נאך
וועגען זעצען זיך א בריעף אנשרייבען.
אויף ווי ווייט מיר בלייבט ניט קיין
פריי צייט, קענסטו זעהן אויך דער-
פון, וואס איך האב נאך ביז אהער
ניט אונגעהויבען זיך צו לערנען
קיין זאך, ניט קוקענדיג אויף דעם,
וואס ביי מיר איז פעסט באשלאסען
געווען, זיך צו נעהמען א לעהרער

גלייך נאָכדעם, ווי איך וועל נאָר בע-
קומען אַ פּלאַץ. נו, און וואָס איז מיט
דיר: אַרבייטסטו? פערדיענסטו געלד?
און ווי פיהלסטו זיך בכלל אין דעם
נייעם אָרט? שרייב מיר גלייך.

דיין ברודער...

טייערסטע רחל!

איך ערפיל מיין צוזאַג און שרייב
דיר אַ בריעף „וועגען אַלעס". וואָס עס
קומט דאָ פאָר ביי מיר. דאָס שטעד-
טעל, אין וועלכען איך געפין מיך איצט,
איז גאַנץ קליין און האָט זעהר וועניג
מענשען; פון דעסטוועגען איז דאָ נישט

אַזוי אַוועקטיג און פינסטער, ווי מיר
האָבען זיך פאָרגעשטעלט. די מנהגים
און זיטען פון דעם קליינשטעדטילדיגען
לעבען זענען אַזוי ווייט אַנדערש פון
אונזער לעבען אין דער גרויסער
שטאָדט, אַז דו פערליערסט דיך
פּאַסט די ערשטע צייט, און יעדע זאַך
מאַכט אויף מיר אַ אונגעוועהנליכען
איינדרוק. בעזונדער ווירקט דאַ אויף
מיר זעהר גוט די וואַרעמע פריינד-
שאַפט צווישען די איינוואוינער. ביי
אונז, אין דער גרויסער שטאָדט, איז
יעדע שטוב אַ בעזונדער וועלט פאַר
זיך, און עס טרעפט גאַנץ אָפט, אַז

די שכנים פון איין הויז קענען נישט
און ווילען גארנישט קענען איינער דעם
אנדערן; דאן אבער, אויב דאס גאנצע
שטעדטיל ווי איין גרויס הויז, אז אלע
איינוואוינער פיהלען זיך, ווי מיטגליעדער
פון איין גרויסער מִשְׁפָּחָה. אלע קענען
זיך און לעבען גוט צווישען זיך.
איך ווייס נישט, צו איך וואלט דאן
געקענט בלייבען לעבען א לענגערע
צייט; איך בין אבער איבערצייגט אין
דעם, אז די צוויי מאנאטען, וואס איך
האב דאן צו פערברענגען, וועלען פאר
מיר גאנץ אינטערעסאנט זיין, און איך
וואלט ראטען אלע גרויסשטעדטישע

ארויסצופאהרען פון צייט צו צייט

אין א קליין שטעדטיל, אום זיך צו

בעקאנען מיט דעם פריעדליכען, שטילען

לעבען פון עהרליכע, פריעדליכע מענשען.

אין עטליכע טאג ארום וועל איך

דיר א צווייטעס מאל שרייבען און

אויספיהרליך שילדערן מיין לעבען דא,

אין דעם שטילען גַן־עֵדֶן.

בלייב מיר דערווייל הערצליך גע־

גריסט און געקושט.

דײַן . .

טײַערער פֿרײַנד!

איך האב ערהאלטען דיין בריעף,

און וועלכען דו בעטסט מיר, איך זאל

דיר אלעס גענוי אויסשרייבען, און איך
מוז דיר דעם אמת זאגען, אז ביי
מיין בעסטען ווילען בין איך נישט אים-
שטאנד דאס צו טאן. אזא אויספֿיהר-
ליכער און גענויער בריעף, דארף
ביי מיר צונעהמען א סך צייט, און מיינע
פֿרייע מינוטען זענען פשוט—געצעהלטע.
אבזאגען דיר אבער אינגאנצען וויל איך
נישט, און ווי ווייט נאר מעגליך וועט זיין,
וועל איך זיך בעמיהען דיר איבערצוגע-
בען דעם איינדריק, וואס די גרויסע
שטאדט האט אויף מיר געמאכט. דאס
פֿערשפּרעכען איך דיר מיט מיין עהרענווארט
און ביי דער ערשטער, פֿרייער מינוט, וואס

וועט זיך מיר נאָר מאַכען, וועל איך דאָס
מיט פֿערגניגען טהון. דערווייל אָבער,
מוזטו מיר, טייערער, ענטשולדיגען· איין
גאָט אין הימעל איז מיין עֵדות, אַז איך
וואָלט מיט'ן גאַנצען האַרצען וועלען דיין
פֿערלאַנג ערפֿילען, אוּן אַז דיין פֿריינד־
שאַפֿט איז ביי מיר טייערער פֿון אַלץ אין
דער וועלט.

דיין אייביג איבערגעגעבענער.